# צום פינטל

גליון לה
פרשת ואתחנן-נחמו תשפ"ג

משיעורי הרב שלום לאנגסאם שליט"א | בהוצאת מכון מישרים

## פרשה

שבת נחמו - נחמה מהו

### ♦ וואס טייטשט 'נחמה'

'שבת נחמו' איז א זמן ארייננצוטראכטן אין 'נחמה', ווי אזוי טרייסט מען זיך, א מענטש האט ל"ע א צרה, לדוגמא א 'קרוב' איז אים אוועק, ווי אזוי איז שייך זיך צו טרייסטן, אויב איז עס א מצב וואס דער מענטש פילט א מורא'דיגע צער, איז וואס טוישט זיך ווען מ'טרייסט זיך, 'בתחלה מאי קסבר ולבסוף מאי קסבר', אויב מתחלה איז דאס אים גאר שטארק מצער, איז ווי אזוי טוישט זיך דורעך 'נחמה'.

'תשעה באב' האט מען געטרויערט אויפן חורבן, איז וואס טוישט זיך אז ס'קומט 'שבת', פון ווי קומט 'שבת' אהן א 'נחמה', אויב איז 'תשעה באב' א מורא'דיגע צער, איז וואס געשעט 'שבת', ווי גייט אלע צער און עגמות נפש אוועק. אויך ווי קען מען זאגען 'נחמו נחמו עמי' בשעת מ'זיצט אין גלות, ווי קען מען זיך טרייסטן בשעת מ'איז נאך אין די צרה, מ'האט דאך אלעס פארלוירן, דער 'גלות' שטייט פאר די אויגען, ווי אזוי קען מען זיך טרייסטן.

ס'איז באקאנט אז 'נחמה' איז מלשון 'זיך איבערטראכטן' (ווי די לשון הפסוק 'כי לא בן אדם היא ויתנחם'), ווען א מענטש 'איז זיך מתנחם', טוישט ער זיין מחשבה גאנג, ער טראכט איבער די מצב מיט א נייע בליק, ביז יעצט האט מען געטראכט לרעה, און פון יעצט פאנגט מען טראכטן לטובה, מ'טוישט די מחשבה. אבער צוריק צום קשיא, 'הא גופא קשיא', ווי אזוי טוישט מען די מחשבה, ווי אזוי טוישט מען געפילן פון צער און ווייטאג, צו א נייע בליק, צו א בליק פון 'נחמה'.

### ♦ נחמה ומנוחה

ס'שטייט אין ספרים (רש"פ חשק שלמה השורשים אות נ שורש נח) אז 'נחמה' איז פון די לשון 'נח' ומנוחה, אזוי ווי ווען א מענטש שטרענגט זיך אהן בגוף, דארף ער נאכדעם 'מנוחה', אזוי אויך ווען א מענטש איז געווארן אנגעשטרענגט בנפש, דארף די 'נפש' זיך אפרוען, און דאס איז דורעך 'נחמה', די 'נפש' בארואיגט זיך און קוקט אהן די 'עבר' מיט א לעכטיגקייט.

בשעת א מענטש האט צער, איז די 'נפש' אין א מורא'דיגע שטארקע תנועה, די 'נפש' איז צושאקעלט, ווען ס'גייט אריבער א שטיקל תקופה, ער זעהט אז מציאות איז מציאות, ס'איז געווען וואס ס'איז געווען, מ'קען שוין נישט טוישן, לדוגמא א נאנטע מענטש איז אים אוועק ל"ע, ער זעהט דאס איז ער איז שוין מער נישט דא, ס'גייט אריבער די שבעה טעג, שלשים יום, א יאר, מ'געוואוינט זיך צו צום נייעם וועג פון לעבן, דאס הייסט א התחלה פון 'נחמה', דער 'נפש' האלט זיך און איין מתנחם זיין, ער האלט זיך און איין בארואיגען, ער האלט אין איין טוישן זיינע געפילן צום גוטן.

די נקודה פון 'נחמה' איז אנצוקוקן אלע זיינע צרות מיט א בליק פון 'עבר', אלעס איז א פארגאנגענהייט, און מ'קען אנפאנגען צו האפן אויף בעסערע צייטן, ווי מ'זעהט אז אלע 'נחמות' פון די נביאים זענען צו אנטפלעקן דעם 'עתיד', ווייל דאס איז 'נחמה', אז די מענטש זעהט האט די כח זיך אפצוטיילן פונעם עבר, און זיך זעהן שוין אינעם 'עתיד'.

ווען א מענטש איז נאך אין די צרה ל"ע, ער מוטשעט זיך ארום, ער שלאגט זיך נאך מיט די צרה, דאן קומט נישט אריין די מושג 'נחמה', 'נחמה' איז דוקא ווען ס'איז שוין א 'עבר', מ'האלט שוין לאחר המעשה, צו ווייל ער איז ארויסגעקראכן, צו ווייל ער האט זיך שוין מייאש געווען, אזוי צו אזוי ער פלאגט זיך שוין נישט ארום דערמוט, יעצט קומט אריין 'נחמה' אויף צו בארואיגען די צושאקלטקייט פונעם נפש.

און דאס איז דורעך 'נחמה', אז ער טיילט מער און מער אפ די צרה פון זיך, די 'צרה' ווערט מער און מער א 'עבר', און ער זעלבסט גייט מער און מער אריבער צו די אנדערע זייט, צו די זייט פונעם 'עתיד'.

נישט אז די מציאות טוישט זיך, נאר די קאפ טוישט זיך, ער זעהט 'זיך' מער און מער אפגעטיילט פונעם צרה, ער זעהט 'זיך' אריבער גיין מער און מער צו א נייע און פרישע וועלט, האפענדיג פאר בעסערע צייטן.

לדוגמא א 'בחור' וואס האט זיך געמוטשעט, און ער האט ב"ה חתונה, ער האט ב"ה איבער געמישט דאס בלעטל, ער האט אנגעפאנגען דאס לעבן פון פריש, יעצט אז די מצב האט זיך געטוישט, יעצט קומט אריין 'נחמה', נאר יעצט אז די מצב האט זיך געטוישט, יעצט קען מען קומען ארויס צו נעמען די ווייטאג אין הארץ, יעצט קען מען ארבעטן צו קענען אנקוקן די 'עבר' זיינע פנים אל פנים, צו קענען זעהן די עבר מיט א פרישע בליק, מיט א בליק פון נחמה.

### ♦ נחמה בכפלים

איז דאס איז פשט אין פסוק 'נחמו נחמו עמי יאמר אלקיכם וגו', כי לקחה מיד ה' כפלים בכל חטאותיה', די פסוק זאגט אז מ'זאל זיך טרייסטן, ווייל מ'איז געשלאגען געווארן דאפעלט, פרעגט יעדער, וואס איז דאס א טרייסט, אז מ'האט ארייגעכאפט דאפעלט, וואס פאר א טרייסט איז דאס. נאר פשט איז אז דאס איז ווי איינער וואלט געזאגט, גענוג געווען, דער אייבישטער כביכול זאגט איך האב ענק שוין גענוג און נאך אריינגעגעבן, 'כי לקחה מיד ה' כפלים', מער פעלט שוין אויס, ענק

**שבת קודש דרייט ער אויס די דאשיק, ער דרייט זיך אויס צום 'עבר', ער קוקט צוריק אויף די וואך מיט א רואיגקייט, מיט א בליק פון 'עבר', אהה!! ברוך השם ס'איז געווען א געשמאקע וואך**

המשך בעמוד הבא

האבן שוין גענוג אריינגעהויבן, מ'קען זיך שוין אפשטעלן.

און נאר יעצט אז די צרות האבן זיך שוין אפגעשטעלט, יעצט קען זיך אנפאנגען 'נחמה', ווייל די מושג 'נחמה' איז נאר שייך ווען מ'האלט שוין דערנאך, מ'קען שוין זעהן די צרות פאר א 'עבר', אזוי ווי געשמועסט אז ווילאנג מ'איז נאך אין די צער איז נישט שייך זיך 'מתנחם' צו זיין, נאר יעצט אז ס'האט זיך שוין געענדיגט, 'כי לקחה מיד ה' כפלים', יעצט קען קומען די נחמה.

און דאס איז די 'נחמה בכפלים', איינס אז די צרות האבן זיך שוין אפגעשטעלט, פון יעצט און ווייטער גייט שוין נישט זיין קיינע צרות, און צווייטנס אז אויך די 'עבר' ווערט מתוקן, אלעס וואס מ'איז אריבער ווערט מתוקן דורעך די כח פון 'נחמה', דורכען אנקוקן די גאנצע 'עבר' מיט א בעסערע בליק, מיט א בליק פון 'נחמה', און אנשטאט וואס ביז יעצט האט אים די צרות געגעבן א געפיל פון מיתה, פון יעצט און ווייטער ווערט עס איבערגעדרייט צו געבן חיים, דאנקענדיג דעם אייבערשטען אז ער האט אים געגעבן כוחות דאס אלץ אדורעך צו מאכן.

די מציאות פון א 'צרה' איז אז ס'האלט זיך אין איין דאפלען ל"ע, 'כפלים לצרה', מ'לויפט און מ'לויפט, און ווי א טאג לויפט מען אלץ מער און מער ל"ע, אלע כחות זענען פארנומען מיט איין זאך, אוואו גייט מען ארויס פון די צרה. איז די זעלבע זאך ווען ס'קומט צו דער 'נחמה', דא דארף עס צו גיין אויף די זעלבע אופן, דא דארף זיך אויך די זאך דאפלען, ס'דארף זיך דאפלען און דאפלען ביז מ'קומט אינגאנצן צוריק צו זיך. מ'האלט און איין אראפ סלואן ביז מ'וועט צוריק קומען צו זיך אינגאנצן.

געווענטליך איז די סדר פון 'נחמה' אז ס'נעמט זיך צוזאם קליינקייטן, און צוזאמען באקומט דער מענטש א 'נחמה', ווי מ'זעהט ביי אבילות אין די שבעה טעג, ער הערט א גוטע נקודה, א קליינקייט דא א קליינקייט דארט, און צוזאמען קומט זיך עס צוזאם און די נפש בארואיגט זיך. וואס דאס ליגט אויך אין די ענין פון 'נחמה בכפלים', אז מ'נעמט צוזאם נקודות נקודות ביז מ'קומט טאקע ארויס מיט א טרייסט. אזוי ווי ל"ע ביי צרות און פחדים, איז אביסל קען נאך די נפש סובל זיין, אבער אז ס'קומט אסאך נקודות אויף איינמאל, קען מען עס נישט סובל זיין, אזוי אויך פארקערט איז ביי 'נחמה', איין נקודה איז נאך נישט אזוי מנחם, פון כמה נקודות נעמט זיך צוזאם א נחמה.

און אזוי לערנט מיט אונז דער 'נביא' דרכי נחמה, מיט זיסע הארציגע ווערטער, מיט דברי ריצוי ומליצה, מיט גוטע ווערטער וואס בארואיגען די הארץ, 'נחמה' איז א 'הארץ שפראך', טרעפן זיסע נקודה'לעך אין די טיפעניש פונעם 'צער', טרעפן גוטס וואס איז ארויסגעקומען דוקא דורעכן 'צער'. און בפרט אויב מ'קען טרעפן אז ווען נישט די צער ויסורים, וואלט מען נישט אנגעקומען צו דאס וואס מ'איז אנגעקומען וכו'. אויך לערנט אונז די נביא די ענין פון גדלות ה', ווי ס'איז מבואר אין די המשך הפסוקים, ווייל דורכען זיך אויפהייבן צו גדלות ה', קומט מען צו צו א נחמה, ווי מ'זעהט אויך אסאך אין ספר איוב, אז גדלות ה' ברענגט צו 'נחמה'.

## נחמה אין גלות

לומדיש קען מען זאגען אז 'נחמה' איז א דין אינעם 'גברא', דער 'גברא' איז זיך מתנחם, דער מענטש טוישט זיין בליק, די 'מציאות' (חפצא) קען מען נישט טוישן, די צרה איז געווען א צרה, אבער אז מ'איז שוין אריבער צו די אנדערע זייט, יעצט קען מען שוין טוישן די בליק אויף די זאך, מ'קען טוישן די קוק אויף זיך אליינס, טוישן די בליק אויף זיך אנטקעגען די מציאות, אנקוקן די מציאות מיט מער א דרויסענדיגע בליק, 'זיך' בעסער מסדר זיין און 'זיך' טרעפן פלאץ אנטקעגען די מציאות.

און דאס איז פשט אז ס'איז שייך 'נחמה' אפילו אין גלות, ווייל אפילו אין 'גלות' איז שייך צו טוישן די בליק, ס'איז שייך צו טוישן און אנקוקן די גאנצע גלות ווי א 'עבר', די 'נחמה' איז נישט תלוי אין די מציאות, די 'נחמה' איז תלוי אינעם 'גברא', ס'איז תלוי ווי אזוי דער 'גברא' וויל קוקן אויף די זאך, דער 'גברא' שטארקט זיך מיט 'אמונה' און 'בטחון', ער שטארקט זיך אז וואס איז געווען איז געווען, און שוין גענוג געווען, פון היינט און ווייטער וועט שוין א 'ודאי' גוט זיין.

די דאזיגע כח פון 'נחמה' האט אונז די נביא געגעבן, אז אפילו בעצם זעמיר נאך אין גלות, אבער מ'קען זיך אפטיילן פון דעם, אויב דער מענטש וויל קען ער אנקוקן די גאנצע גלות ווי א 'עבר', און גענוג געווען מיט אלע צרות, 'כי לקחה מיד ה' כפלים', מ'האט שוין גענוג אריינגעהויבן, פון יעצט און ווייטער האט מען מער נישט מיט'ן 'עבר', פון יעצט און ווייטער וועט שוין א 'ודאי' זיין גוט, מ'גייט אריין אין א פרישע 'עתיד'.

## שבת קודש

שבת קודש איז 'מנוחה', שבת קודש קוקט א יוד צוריק אויף זיין וואך מיט א פרישע קוק, ער קוקט צוריק ווי אזוי די וואך איז אריבער, ער קומט אריין מיט א קוק פון 'מנוחה', א גאנצע וואך איז ער געווען פארנומען לויפן פאראויס, לויפן צום 'עתיד', ארייניצוכאפן וואס מער, שבת קודש בארואיגט ער זיך, שבת קודש דרייט ער אויס די דאשיק, ער דרייט זיך אויס צום 'עבר', ער קוקט צוריק אויף די וואך מיט א רואיגקייט, מיט א בליק פון 'עבר', אה!! ברוך השם ס'איז געווען א געשמאקע וואך, מ'בארואיגט זיך, מ'קומט אריין צוריק אין זיך.

במיוחד 'שבת נחמו', וואס די וואכן טעג זענען געווען א שווערע וואך, ס'איז געווען 'תשעה באב', מ'האט געקלאגט אויפן חורבן ווי ס'וואלט געווען 'מתו מוטל לפניו', ווען ס'קומט אריין שבת ווערט אלעס בארואיגט, אלעס טרעפט א נחמה, מ'קוקט אהן די וואך מיט א בליק פון א עבר, אה!! ברוך השם מ'האט געהאט די כוחות דורעך צו גיין אזא שווערע וואך.

ס'איז באקאנט אין די ספרים הקדושים אז שבת קודש איז א זמן פון 'עליית העולמות', לענינינו מיינט עס, אז א גאנצע וואך גייט מען אלץ ווייטער און ווייטער, ממילא האבן זאכן נישט קיין 'עלייה', ווען ס'קומט 'שבת קודש' דרייט מען ארום דעם דאשיק, מ'בארואיגט זיך און מ'קוקט צוריק אויף די וואך מיט א רואיגקייט, יעצט באקומען די טעג א עלייה, זיי באקומען א חשיבות און א ווערט.

די וועלט זאגט אז א מענטש מיט א גוטע 'עבר', האט א רואיגע 'סטאבילע' נפש, און א מענטש מיט א שווערע 'עבר', האט א צושאקלטע נפש, ווייל רואיגקייט איז תלוי אינעם 'עבר', אויב איז ער נישט רואיג מיט זיין 'עבר', מיינט דאס אז ער איז נישט רואיג מיט 'זיך', די 'זיך' מיט די 'עבר' זענען 'היינו הך', האט מען א רואיגע 'עבר', האט מען א רואיגע 'זיך', האט מען ח"ו א צושאקלטע 'עבר', האט מען א צושאקלטע 'זיך'.

די זעלבע זאך איז אויך דא ביי א יעדער מענטש, יעדער מענטש מוטשעט זיך מיט די נקודה, מ'האלט און איין לויפן פאראויס, און ס'איז שווער צוריק צוקוקן אין זיך בארואיגען, נאר שבת קודש באקומט מען די כח, שבת קודש ווערן אלע עולמות נתעלה, דאס הייסט אז

המשך בעמוד האחרון

## קאכן טוישט די גוף הדבר

'מלאכת מבשל' שבת איז, אז מ'טאר נישט קאכן מיט פייער, קאכן, בראטן, באקען, פרעגלען, נישט קיין שום חילוק אויף וועלכע וועג, יעדעס מאל וואס מ'נעמט די כח האש, און מ'טוישט די 'תכונה' פון א זאך, מ'מאכט פון הארט ווייער, אדער פון ווייער הארט, איז מען עובר אויף מלאכת מבשל.

'מלאכת מבשל' האט א חידוש אז ס'איז א 'כעמישע ריאקציע', די עצם חלקים פון אינדערוויניג ווערן אויפגעטוישט, אלע אנדערע מלאכות בדרך כלל זענען נישט אזוי, אלע אנדערע מלאכות זענען נישט מהפך די עצם זאך.

למשל 'מלאכת חורש' צושאקלט גוט די קרקע, אבער ס'מאכט נישט קיין 'כעמישע' טויש, 'מלאכת קוצר', טיילט אפ די תבואה פון די קרקע, ס'טוישט אבער נישט די עצם תבואה גופא, 'מלאכת בורר טוחן זורה מרקד', זענען אלע 'מפריד' געוויסע חלקים, אבער זיי מאכן נישט קיין עצמות'דיגע טויש, ס'איז נישט דא דארט א 'כעמישע' אויפטויש אין די עצם תכונה פון די זאך, אויך למשל 'מלאכת לש' איז סך הכל 'מחבר' חלקים פון די מעיל. נאר 'מלאכת בישול' האט די זאך, אז ס'איז ממש מהפך די עצם גוף הדבר, און אויף גאר א שטארקע אופן, פון הארט צו ווייער, און פון ווייער צו הארט, אויף א 'כעמישע' און עצמות'דיגע אופן.

באמת ביי 'מלאכת לש' איז יא דא וואס האלטן אז ס'איז א טויש אין די איכות פון די מעיל, ס'טוישט ממש די 'כעמישע' חלקים פון די זאך, ווי ס'איז באקאנט די חקירה פון די ראגעטשאווער (עי' מפענח צפונות ח-ב) צו מלאכת לש איז א 'חיבור שכנית', אדער א 'חיבור מזגית', ס'איז ווי צוויי שכנים וואס וואס זענען נאנט, אדער ס'איז א 'הרכבה מזגית', אז זיי ווערן ממש 'נתמזג' צו איינס. אבער נאך אלץ קומט דאס אודאי נישט צו צו 'בישול', וואס די עצם זאך ממש ווערט געטוישט, א כעמישע שינוי אין די עצם גוף הדבר.

און מיט דעם איז 'מלאכת מבשל' דומה אביסל צו 'מלאכת מעבד', אז ביידע זענען משנה די גוף הדבר, ביידע מאכן א 'כעמישע' טויש, א טויש אין די גוף הדבר. ווי ס'איז מבואר אין די פוסקים אין סימן שכ"א צוויי טעמים אויף די איסור פון 'כבישה', איינצווייקען ירקות, איין טעם איז וועגן 'מעבד', און איין טעם איז וועגן 'נראה כמבשל'. און די שורש הדבר איז ווי געשמועסט, אז די צוויי זאכן זענען משנה די גוף הדבר, די צוויי זאכן מאכן ממש א כעמישע טויש. און היות אז ווען מ'איז 'כובש כבשים', ווען מ'ווייקט איין א זאך, ווערט דארט א שינוי אין די גוף הדבר, ממילא איז 'כובש כבשים' דומה צו די צוויי מלאכות.

אבער אויסער די צוויי מלאכות, אלע אנדערע מלאכות זענען נאר א 'חיבור' און א 'פירוד', קיין שום אנדערע מלאכה איז נישט קיין שינוי אין די עצם גוף הדבר (חוץ 'זורע' און 'מבעיר' זענען יא א שינוי אין די גוף הדבר). למשל, די מלאכות פון די סדר הבגדים פאנגט זיך אהן מיט שפינען (טוה), נאכדעם קומט וועבן (אורג), נאכדעם איז 'תופר', איז כאטשיג אז ביי די אלע מלאכות ווערט די 'צמר' נשתנה, די צמר ווערט א 'פאדעם', דערנאך ווערט עס א שטיקל סחורה, און דערנאך ווערט עס א בגד, אבער ס'קומט נישט צו צו די שטארקע 'שינוי' וואס ס'איז דא ביי 'מלאכת מבשל' און ביי 'מלאכת מעבד', וואס ביי זיי ווערט די עצם גוף נשתנה, א שינוי מהותי אין די גוף הדבר.

און מיט דעם איז 'מלאכת מבשל' דומה אביסל צו 'מלאכת מעבד', אז ביידע זענען משנה די גוף הדבר, ביידע מאכן א 'כעמישע' טויש, א טויש אין די גוף הדבר

## 'שלא כדרך' ביים קאכן

די 'כעמישע ריאקציע' וואס איז דא ביי בישול, איז שייך צו טוהן אויף פארשידענע וועגען, מ'קען עס טוהן דורעך פייער, וואס דאס איז די נארמאלע 'דרך', און מ'קען עס טוהן אויך דורעך פארשידענע אנדערע וועגען, ווי למשל דורעך די 'זון' אדער 'חמי טבריה', וואס זיי טוישן אויך די 'תכונה' פון די עצם גוף הדבר, אבער אויף זיי איז מען נישט חייב שבת, ווייל זיי ווערן פארעכנט ווי 'שלא כדרך בישול', זיי זענען א 'שינוי' אין די מלאכה, זיי קומען ארויס מיט א אנדערע סארט 'איכות', זיי קומען נישט ארויס די זעלבע גוט.

ביי יעדער 'מלאכה' איז דא די נארמאלע 'דרך' ווי אזוי ס'קומט צו טוהן די מלאכה, די עיקר וועג, און ס'איז דא אנדערע פארשידענע וועגען פון ארום ארום, פארשידענע ערליי וועגען ווי אזוי מ'קען טוהן די מלאכה, די עיקר וועג ווערט אנגערופן די 'דרך המלאכה' וואס אויף דעם איז מען 'חייב', און די אלע וועגען ארום ארום ווערן אנגערופן א 'שינוי', וואס אויף זיי איז מען פטור. אויך דא ביי 'מלאכת מבשל', איז דא די עיקר וועג וואס דאס איז דורעך 'פייער', און ס'איז דא די ארומיגע וועגען, ווי דורעך די זוהן, דורעך חמי טבריה, און נאך פארשידענע וועגען, וואס זיי ווערן באטראכט ווי א 'שינוי' ווי 'שלא כדרך בישול'.

און אויסער די 'שינויים' טרעפט מען נישט ביי 'מלאכת מבשל' קיינע 'שינויים', ווייל היות די מהות פון 'מלאכת מבשל' איז א איכות'דיגע שינוי אין די עצם גוף הדבר, ממילא דארף אויך די 'שינוי' זיין אין די עצם גוף הדבר, ווי למשל 'בישול בשמש' אדער 'חמי טבריה', זאכן וואס די עצם גוף המאכל ווערט געטוישט אויף דער נישט נארמאלע וועג, אויף דער שלא כדרך'דיגע וועג, אבער אויב די עסן זעלבסט ווערט נארמאל גוט אפגעקאכט, נאר די וועג און די אופן ווי אזוי מ'גייט צו דערצו, איז אנדערשט ווי נארמאל, דאס וועט נישט זיין אין כלל פון א 'שינוי' ביי 'מלאכת מבשל'.

ווי למשל אז א מענטש וועט קאכן אויף א שמאטע וואס איז געווארן הייס פון פייער, אפילו ס'איז נישט אזוי די סדר צו קאכן אויף אזא וועג, וועט עס נישט הייסן קיין שינוי, אדער אפילו אז געוועינטליך קאכט מען מיט א אויוון, וועט נישט הייסן קיין שינוי אז מ'וועט קאכן אהן א אויוון.

## קאכן באקן און בראטן

פייער איז איין כח וואס ווערט צוטיילט, איין כח וואס ווערט גענוצט אויף פארשידענע וועגען, קאכן, באקן, בראטן, און פרעגלען, און נאך פילע פארשידענע זאכן, אלץ געוואנדן לפי די תכונה פון די זאך, וואסעריגע זאכן ווערן געקאכט, טריקענע זאכן ווערן געבאקן, און מער פעטיגע זאכן ווי פלייש און פיש, ווערן געבראטן און געפרעגלט. און אלעס קומט פון איין כח וואס הייסט 'פייער', וואס ער ווערט צוטיילט אין פארשידענע פאנקציעס, יעדעס מאל פאברעצירט ער עפעס אנדערשט, אלץ געוואנדן לפי די תכונה פון די זאכן.

המשך בעמוד הבא

# ענינים

המשך

ביים 'קאכן' איז געווענטליך די היץ פון אונטער די טאפ, און די הייסע וואסער צושפרייט זיך לייכט אין די גאנצע טאפ, מ'דארף אביסל מישען די טאפ (מגי"ס), אבער ער קומט לייכט אהן איבעראל. יעצט ביים 'באקן' וואס ס'איז נישט דא קיין הייסע וואסער, ס'איז נאר דא הייסע לופט, איז די סדר אז מ'לייגט אריין די געבעקסן אינדערווייניג אין די אויוען, כדי אז די הייסע לופט זאל זיין גוט ארומגענומען און קענען ארייננדרינגען אינדערווייניג אין די געבעקסן.

די דריטע וועג איז דורעך בראטן, וואס דאס איז געווענטליך ביי פעטיגע זאכן, אז אפילו מ'האט נישט די כח פון הייס וואסער, און מ'האט נישט די כח פון הייסע לופט פון א אויוען, איז דא נאך א אפציע פון ארייינשטעקן אין די פייער זעלבסט, אזוי קען די פייער צוזאמען מיט די פעטס פון די מאכלים, ארייננדרינגען אינדערווייניג און קאכן.

אין אסאך סוגיות כאפט א שטארקע נפקא מינה צו א עסן איז געקאכט אדער געבאקן, ווי למשל דא ביי מלאכת בישול בשבת, איז דא די סוגיא פון 'אפיה אחר בישול' און 'בישול אחר אפיה', אויך אין הלכות ברכות לגבי קביעות סעודה, אדער ביי די הלכות פון פת עכו"ם און בישול עכו"ם (יורה דעה סימן קיב קיג), און אזוי נאך פיל אנדערע פלעצער.

די פינקטליכע הגדרה פון א געבאקענע זאך איז 'תואר לחם', ווי ס'איז מבואר אין הלכות ברכות ביי קביעות סעודה, אז ס'דארף אויסקוקען ווי 'לחם', וואס דאס איז א טריקענע צורה מיט אביסל א הארטקייט פון ארום ארום (הייסע לופט קומט נישט אהן איבעראל גלייך, ממילא געשעט אז דער ארום ארום ווערט קודם געבאקן, ס'איז אנדערשט ווי בישול וואס קומט אהן איבעראל גלייך). 'אפיה' איז מלשון 'אף', וואס דאס איז ווי די הייסע לופט וואס קומט ארויס פון די נאז, ווייל דאס איז די וועג פון באקען, דורעך הייסע לופט דוקא, נישט דורעך הייס וואסער ווי ביי געקעכטס, און נישט דורעך פייער זעלבסט ווי ביים בראטן, נאר דורעך הייסע לופט.

און די פינקטליכע הגדרה פון א געקעכטס איז א 'תואר מבושל', וואס דאס איז אזא נאסליכע אויסקוק, ס'האט נישט צו טוהן צו מ'האט עס געמאכט אין א אויוען, אדער אין א טאפ, דער עיקר איז זיין 'תואר' זאל זיין ווי א 'מבושל'. ווי ס'איז מבואר אין הלכות ברכות די חילוק צווישן 'בישול' און 'טיגון', אז ס'ווענט זיך ווי סאך פליסיגקייט ס'איז דא אין די טאפ, די נאסקייט דאס געט פאר די זאך די הגדרה פון 'מבושל'.

און די לשון 'בישול' קען מען זאגען איז 'צוגענדיגט', ווי מ'זעהט ביי פירות וואס ווערן 'נתבשל' און רייף צום עסן, אז מ'רופט דאס אויך 'מבושל', וואס איז מבטא 'צוגענדיגט', און דאס איז אויך די הבנה פון קאכן, אז מ'ענדיגט לייכט צו די עסן אז ס'זאל זיין ראוי לאכילה.

אויך די הגדרה פון 'צלי', איז 'תואר צלי', ס'דארף אויסקוקן ווי 'צלי', ס'דארף ווערן אפגעברענט אין אפגעשווארצט, 'צלי' איז מלשון 'צל', וואס דאס איז די שווארצקייט און גרויקייט וואס א געבראטענע זאך האט, אויך איז געווענטליך 'צלי' נאר ביי פלייש און פיש וכדומה, אזעלכע פעטע זאכן, וואס די פעטס העלפט צו פאר די פייער אדורעך צו בראטן די זאך אדורעך און אדורעך כמובן, וואס דאס אלעס צוזאמען איז וואס געט אים א 'תואר צלי'.

לאמיר צוריק קומען צו וואס מ'האט אנגעפאנגען, מהאט געשמועסט אז 'מלאכת מבשל' איז א עצמיות'דיגע און איכות'דיגע טויש, א כעמישע טויש, איז די זאך איז דא אין יעדער סארט קאכן, סיי אין קאכן באקען בראטן און פרעגלען, אין יעדער פון זיי גייט דער כח פון די פייער אריין, און די פייער דרייט דארט איבער א עצמיות'דיגע און איכות'דיגע טויש, אין דאס איז אין יעדער קליינע חלק פון זיי, און אלעס ווערט געטוישט די עצם תכונה פון די זאך, דער פייער ארבעט אריין אין יעדעם איינעם לויט זיין תכונת הנפש און מאכט פון אים א נייע זאך אין יעדער חלק פון זיי.

# פרשה

המשך

מ'האט יא כח צוריק צו קוקן, מ'האט כח ארויף צוברענגען די חשיבות פון די וואך, ארויף ברענגען די חשיבות פון די 'עבר'. (און פון דעם באקומט מען נאכדעם כח פאר די פרישע וואך, 'מיניה מתברכין כל שיתא יומין', נאר מ'איז נישט מכוון פאר דעם, ווייל טאמער יא קוקט מען דאך ווייטער אויף פאראויס, און אונז ווילן מיר יעצט קוקן מיט א געשמאק אויף צוריק).

די וועלט זאגט אז א מענטש מיט א שווערע 'עבר', איז פארנומען א גאנצע צייט צו 'אנטלויפן', ער אנטלויפט פון זיין עבר, וואס דאס מיינט בעומק אז אנטלויפט פון זיך, ער לויפט ארום און ארום צו אלעס אין די וועלט, דער עיקר זיך נישט דארפן טרעפן מיט'ן 'זיך', וואס דאס מיינט זיך צו דארפן טרעפן מיט די 'עבר' זיינע. די זעלבע שווערע עבודה האט יעדער איינער א יעדער 'שבת', ס'ליגט א גרויסע עבודה אין דעם, זיך צו באוואיגען און אנקוקן די 'עבר' מיט א געשמאק, ס'איז גרינגער און געשמאקער צו לויפן פאראויס, אדער ווי די וועלט רופט דאס 'אנטלויפן'.

שבת קודש איז א 'מתנה טובה'. די טעג לויפן איינער נאך די אנדערע, 'שבת קודש' טיילט אפ די טעג און מאכט פון זיי 'וואכן', שבת קודש שטעלט אביסל אפ די געלויף פון די טעג, די 'שבת' געט א ריק אריין אלע זעקס טעג און א מצב פון 'עבר', אין א 'סטעידזש' פון 'עבר', ווען נישט שבת וואלט מען נישט געהאט קיינמאל קיין כח צוריק צו קוקן מיט א געשמאק צום 'עבר', מ'וואלט אלץ געווען ביזי לויפן פאראויס, נישט אומזינסט זאגט אונז דער באשעפער 'מתנה טובה יש לי בבית גנזי ושבת שמה'.


## נא לא לקרוא הגליון בעת התפילה

בקול הלשון - הרב שלום לאנגסאם 16466550559 - אויף אידיש 1, שיעורים מהתקופה האחרונה 1, דיבאטעס 2, יום יומי שיעורים 3 (הלכה יומי-לומדות יומי-ביזנעס יומי-חיזוק יומי-נפש יומי-חינוך יומי), על הפרשה 4, משנה וגמרא 5, הלכה 6, מוסר וחסידות 7, סיפורי צדיקים 8, אינטערסאנטע טאפיקס 9, שבת 10, מועדים 11, נשואין 12 | נ"ך 2 - שיעורים על רוב תנ"ך

**אם ברצונכם לקבל את הגליון במייל, נא לפנות:** zum-pintel+subscribe@googlegroups.com

**לנדב הגליון, או לפרסם בו, וכן להזמין את הרב למסור שיעורים בישיבות ובכוללים, נא להתקשר למכון מישרים 845-274-3516**



עיצוב: י.ב. 972-52-763-3424+